**Goblin Nogood Has Run Out of Clout • נישגוט־לאַפּיטוט האָט פֿאַרלוירן דעם מוט**

by Jacob Glatstein, translation by Jeffrey Shandler

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (November 2017)

For the online version of this article:

[http://ingeveb.org/texts-and-translations/goblin-nogood-has-run-out-of-clout]

# נישגוט־לאַפּיטוט האָט פֿאַרלוירן דעם מוט

# Goblin Nogood Has Run Out of Clout

Jacob Glatstein
translated by Jeffrey Shandler

**Introduction:** One of the earliest and most outlandish of Jacob Glatstein's Holocaust poems appears in the June-July 1943 issue of *Kinder-zhurnal*: "Nishgut-lapitut hot farloyrn dem mut," a work striking in both form and content, especially in the context of a children's literary magazine. The poems revels in the imminent demise of the title character, a thinly disguised demonization of Hitler. Glatstein′s energetic, fantastic playfulness, as well as his use of repetitive forms and humorous internal and feminine rhymes, resemble the children′s verses of Theodor Geisel, known to readers as Dr. Seuss, who also created a series of anti-fascist cartoons, some with short comic rhymes, for the left-wing New York daily newspaper *PM* during the early 1940s. Glatstein′s poem demands considerable cultural literacy on the part of his young readers, encompassing Jewish folklore (*lapitut* is one among an array of supernatural beings in Yiddish demonology), Norse mythology, as well as the location of Hitler's mountain retreat, his early career as a house painter, the names of Nazi Germany's leaders, and some rather obscure populations (Honghuzis, Bashibazouks). Moreover, Glatstein offers his young readers a poem of intense emotional venting that barely conceals within its ludic rage the anguish that he and other American Jewish adults felt in the face of a stream of news that was confirming their worst fears for the future of Europe′s Jews. The adventurous language play, coupled with fury at the unfolding genocide, recalls another Glatstein poem, "Undzer tsikhtik loshn," which concludes his 1943 collection *Gedenklider*. That poem also found its way into Glatstein's postwar anthology of *khurbn lider*, the 1967 anthology *Kh'tu dermonen*. But not "Nishgut-lapitut"—perhaps because he wrote it, ostensibly, for children, or perhaps because its premature glee at Hitler's imminent demise had become unbearable to contemplate after the war's end.

# Goblin Nogood Has Run Out of Clout

At Berchtesgaden it's now the skunks' night,
All the cutthroats got an invite
To cry boo-hoo-hoo.
That whole bloody crew,
The bandits' Who's Who,
Must cry boo-hoo-hoo.
Herr Goeringfat and Goebbelsfoot,
Ribbenkraut and Devilsdirt,
Himmlerwurst and Beerthirst,
Stinkingcheese and Gorgegut,
Murderbanner and Belchingson,
And there in their midst, on a throne made of bones,
He himself sits—Goblin Nogood.
Goblin Nogood has run out of clout.
Goblin Nogood is kaput.

He bellows, he weeps,
He laughs and he shrieks,
He coughs and he sneezes,
And stomps with his feet.
With a leap and a dash,
He tugs his mustache,
He tugs and he tugs
And he tugs his mustache.
He shouts, "Shoot them all—
Suppress the past,
Turn the just into dust,
Make today a dismay."
He shouted to shoot
The French, the Greeks,
Honghuzis and Russkies,
Turks, Bashibazouks,
Danish, Italians, Bushmen, Romanians,
Cossacks, Haidamaks, Poles, Lithuanians,
Chinese, Japanese,
Polynesians, Portuguese,
And damn them, those vermin,
By thousands, those *Juden*.
Damn them by thousands,
By thousands, those *Juden*!

He shouted to shoot
But now he's kaput.
Goblin Nogood has run out of clout.
And every man in that godless horde
Drops to his knees as they wail in accord:
"O Wotan, O Thor,
O you, Great Housepainter,
Ruler, Leader,
Commander, Master,
We fear a disaster,
Save us, dear Goblin,
Each day we grow fainter,
Help us, great chief,
Our future is grief."

Bombs cloud the sky,
With rockets ablaze.
One, two, three,
One, two, three,
Our saviors are nigh,
Boom-boom-boom, crash, hooray!
Everywhere armies are on the way.
Goblin Nogood has run out of clout.
Goblin Nogood is kaput.

On underground broadcasts the news can be heard,
And riders on horseback are spreading the word,
Guerillas will write on the walls with their blood—
Goblin Nogood is kaput.
Goblin Nogood is kaput.

# נישגוט־לאַפּיטוט האָט פֿאַרלןירן דעם מוט

ס׳איז הײַנט טכויר־נאַכט אין בערכטעסגאַדן,
אַלע גאָרגלשנײַדער זענען געלאַדן
צו פֿאַרגיסן טרער נאָך טרער.
דאָס גאַנצע בלוטיקע געזינדל פֿון באַנדיטישן ווער־איז־ווער
מוז פֿאַרגיסן טרער נאָך טרער.
הער גערינגפֿעט און געבעלספֿוס
ריבענקרויט און בײַוולסקויט,
הימלערוווּרסט און ביִערדורשט,
שטינקענקעז און בויכפֿרעס
גרעבצענזאָן און מאָרדענפֿאָן,
און אינמיטן, אויף אַ סקעלעטן־טראָן,
זיצט ער אַליין נישגוט־לאַפּיטוט.
נישגוט־לאַפּיטוט האָט פֿאַרלוירן דעם מוט.
נישגוט־לאַפּיטוט איז קאַפּוט.

ער וויינט און ער רעוועט,
ער לאַכט און ער שטרײַט,
ער הוסט און ער ניסט,
און טופּעט מיט די פֿיס.
ער שפּרינגט און ער טאַנצט
און ער צופּט זיך זײַן וואָנץ,
און ער צופּט זיך און ער צופּט זיך
און ער צופּט זיך זײַן וואָנץ.
אַלעמען האָט ער באַפֿוילן קוילן,
— פֿאַרקנעכטן דעם נעכטן,
שעכטן דעם גערעכטן
פֿאַרפֿינסטערן דעם הײַנט.
באַפֿוילן קוילן
די גרעקן, די פֿראַנצוזן,
די כינכוזן און די רוזן,
טערקוזן און באַשיבוזן,
דענער, רומענער, איטאַליענער, בושמענער,
פּאָליאַקן, ליטוואַקן, קאָזאַקן, הײַדאַמאַקן,
כינעזער, יאַפּאַנעזער, פּאָלינעזער, פּאָרטוגעזער,
און די כאַלימודן און דאָנערוועטער טויזנטמאָל
די יודן.
דאָנערוועטער טויזנטמאָל, טויזנטמאָל די יודן.
באַפֿוילן קוילן —

און איצט איז קאַפּוט.
נישגוט־לאַפּיטוט האָט פֿאַרלוירן דעם מוט.

און דאָס גאַנצע געצנדינערישע געזינדל,
קניט און וויינט אין כאָר :
אָ וואָטאַן, אַ טאָר,
אָ דו גרויסער ווענטנשמירער,
רעגירער, פֿירער,
הערשער, האַר,
אונדזערע קעפּלעך זענען אין געפֿאַר,
ראַטעווע, נישגוטעלע, לאַפּיטוטעלע,
ס׳ווערט ערגער מיט יעדער מינוטעלע,
ראַטעווע, גרויסער האַר.
אונדזערע העלדזעלעך זענען אין געפֿאַר.

באָמבעס פֿאַרוואָלקענען די הימלען,
ראַקעטן צינדן אַ פֿריידיק פֿײַער.
איינס, צוויי, דרײַ,
איינס, צוויי, דרײַ,
ס׳שפּאַנען די באַפֿרײַער,
קראַך, טאַראַראַך, בום, בום, בום.
ס׳מאַרשירן אַרמייען אומעטום.
נישגוט־לאַפּיטוט האָט פֿאַרלוירן דעם מוט.
נישגוט־לאַפּיטוט איז קאַפּוט.

ס׳הילכען עס ראַדיאָס פֿון אונטער דער ערד.
ס׳צעטראָגן די בשׂורה רײַטערס און פֿערד,
גערילע־קעמפֿער באַשרײַבן די ווענט מיט זייער בלוט —
נישגוט־לאַפּיטוט איז קאַפּוט.
נישגוט־לאַפּיטוט איז קאַפּוט.